# מיט א טיפערן בליק
# פרשת וארא תשפ"ב
# ווען דו טראכסט פון אויפגעבן...

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

מיר האלטן אין פרשת וארא וואו עס הייבט זיך שוין אָן צו אנטוויקלן די גאולה, השי"ת באווייזט זיך צו משה רבינו און ער זאגט איהם אֲנִי ה', וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וגו' איך בין דער זעלבער באשעפער וואס האט זיך באוויזן און געהאלפן די אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וגו' און השי"ת קומט מיט די הבטחה פון וְהוֹצֵאתִי, וְהִצַּלְתִּי, וְגָאַלְתִּי, וְלָקַחְתִּי, אז ער גייט שוין ארויסנעמען די אידן פון מצרים. און משה רבינו קומט טאקע רעדן צו כלל ישראל און צו פרעה, און פון דארט און ווייטער הייבן זיך שוין אָן די מכות און די שטראפן אויף די מצריים.

אבער אז מיר כאפן א בליק אין די סדרה זעען מיר אז די זאכן זענען גארנישט געפאָרן אזוי געשמירט, משה רבינו קומט אָן צו די אידן, און ער זאגט זיי איבער די רייד פון הקב"ה, אבער כלל ישראל איז דערביטערט און דערשלאגן, זיי געפונען זיך אין צו א שווערע מצב צו קענען הערן גוטע בשורות, "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה", די אידן קענען נישט הערן, די אויערן און די הערצער זענען פארשטאָפּט, די נשמות זענען פארלאשן, עס זעהט אויס ח"ו ווי דער דבר השם גייט עפעס נישט אריין אינעווייניג.

און אז מיר זענען ממשיך אביסל ווייטער זעען מיר ווי השי"ת שטעלט זיך נישט אפ, נאר ער באפעלט משה רבינו אז יעצט איז די צייט צו גיין רעדן מיט פרעה, אבער משה רבינו האט מורא, ער קומט מיט א שטארקע טענה "הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם" רבונו של עולם וויאזוי קען איך בכלל גיין רעדן צו פרעה, אפילו די אידן זענען נישט געווען גרייט צו הערן, מיינע ווערטער זענען געפאלן אויף טויבע אויערן, וויאזוי איז צו ערווארטן אז פרעה הרשע וועט יא בכלל וועלן אויסהערן. און נאך מער, איך בין דאָך אן 'עֲרַל שְׂפָתָיִם' איך האב א פארשטאפטע מויל, ווי באקאנט אז משה רבינו האט זיך אפגעבריהט זיינע ליפן אלס קינד ווי מיר וועלן שפעטער ברענגן, און ער האט נישט געקענט קלאר רעדן, נו, וואס זענען די שאנסן אז פרעה וועט אפילו צולייגן אַן אויער צו וואס איך קום איהם זאגן.

אבער דער אייבישטער שטעלט זיך ווייטער נישט אפ, אנשטאט זיך מתייחס זיין און ענטפערן אויף די טענה פון משה רבינו, שטייט גלייך נאכדעם אין פסוק וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, דער אייבישטער האלט זיך כביכול ווייטער ביי זיינס און ער שיקט משה רבינו צו גיין אויסלייזן די אידן פון מצרים, כאילו לא היה, כאילו עס איז נישט דא קיין שום פראבלעם דערמיט, ווי נאר אלעס וועלט געווען אין ארדענונג. אין אנדערע ווערטער, מיר געפונען נישט קיין שום תשובה פון השי"ת צו משה וואו דער אייבישטער ערקלערט איהם פארוואס זיינע חששות זענען איבריג, פארוואס ער דארף נישט מורא האבן צו גיין צו פרעה. וואס איז טאקע די פשט דערפון?.

אבער כדי צו האבן די ריכטיגע תשובה אויף די קשיא, דארפן מיר זיך אביסל מתבונן זיין אין די גרעסערע בילד, לאמיר צוריק מישן דעם בלעטל אביסל צו פרשת שמות און זעהן וואס האט זיך אפגעשפילט מיט משה רבינו, און אפשר אפילו אביסל נאך פריער, נאך איידער משה רבינו איז בכלל געבוירן געווארן, לאמיר כאפן א בליק און זעהן ווי איינער פון אינדרויסן קוקט זיך אום אויף די גאנצע השתלשלות און סדר וואס איז זיך פארלאפן במשך די יארן, ביז מיר קומען אָן צו די ישועה אין אונזער פרשה.

אין פרשת שמות שטייט "וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי" אז עמרם דער טאטע פון משה רבינו איז געגאנגען, "וַיִּקַּח אֶת בַּת לֵוִי" און ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון לוי. זאגן אונז חז"ל אין **מדרש** און אין **גמרא** (און רש"י ברענגט עס) וואס באדייט 'וילך' אז עמרם איז געגאנעגן, וואו איז ער געגאנגען, נאר עס מיינט צו זאגן "שהלך בעצת בתו" ער איז 'נאכגעגאנגען' די עצה פון זיין טאכטער מרים, דאס הייסט ער האט אנגענומען אירע ווערטער און איר געפאלגט, ומעשה שהיה כך היה: ווען פרעה האט ארויסגעגעבן זיין גזירה אז מ'זאל אריינווארפן אלע אידישע יונגלעך אין וואסער אריין, האט עמרם דער 'גדול הדור' ווי חז"ל רופן איהם אָן, באשלאסן אז אויב אזוי לוינט זיך שוין נישט צו זיין חתונה געהאט, ווי מעגן מיר זיך פלאגן צו האבן קינדער ווען נאכדעם וועלן קומען די מצריים און זיי אוועקכאפן און אריינווארפן אין טייך?, דעריבער איז ער געגאנגען און געגעבן א גט פאר זיין ווייב יוכבד מיט וועמען ער איז שוין געווען חתונה געהאט פון פריער. ווי נאר דער עולם האט געזעהן וואס דער גדול הדור האט געטוהן, האבן זיי אלע געזעהן אין דעם א פסק דין, א וועג פאר יעדעם איינעם, און דער עולם האט אויך געג'גט די ווייבער. ווען מרים האט דאס געזעהן האט זי געזאגט, טאטע, דיין גזירה איז נאך ערגער פון פרעה ח"ו, ווייל פרעה האט נאר גוזר געווען אויף די זכרים אבער דו מאכסט אז ס'זאלן שוין נישט געבוירן ווערן קיין אידישע קינדער, אפילו נקבות אויך נישט, און נאך פארשידענע טענות וואס זי האט צוגעגעבן, און דעמאלטס האט פאסירט וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי, ער איז געגאנגען לויט די עצה פון זיין טאכטער און צוריק גענומען זיין פרוי יוכבד, און אלע אידן האבן געטוהן דאס זעלבע.

און ווי די גמרא ברענגט אין מסכת סוטה, האט מרים הנביאה שוין פאראויס געזאגט דעמאלטס **"עתידה אמי שתלד בן שמושיע את ישראל" אז מיין מאמע גייט געבוירן א זוהן וואס גייט זיין דער העלפער פון כלל ישראל**. און ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן איז דאס הויז געווארן אנגעפילט מיט א אור, מיט א הימלישע לעכטיגקייט, "עמד אביה ונשקה על ראשה, אמר לה בתי נתקיימה נבואתיך!" איר טאטע עמרם האט איר געגעבן א קוש זאגענדיג אז די נבואה איז מקויים געווארן, אט איז טאקע געבוירן געווארן דער מושיען של ישראל און ער וועט זיי אויסלייזן און ברענגן די גאולה.

נו, אצינד לאמיר באגלייטן דעם קליינעם קינד, דער יונגע מושיען של ישראל וואס די אלע ארומיגע האבן אנגעהאָנגען אין איהם גרויסע האפענונגען, די אלע נאנטע וואס האבן געוואוסט און געהערט די נבואה רייד פון מרים, און זיי האבן געהערט אז ס'איז געבוירן געווארן דאס קינד וואס שיינט און לייכט, האבן דאָך אוודאי נאכגעקוקט און נאכגעפאלגט די נייעס מיט גרויס שפאנונג, און געווארט און געהאפט צו זעהן וואס, וויאזוי, און ווען, ס'וועט דא פאסירן מיט דאס קינד, און ווען וועט מען שוין ענדליך זוכה זיין צו די געוואלדיגע ישועה וואס ער דארף אונז ברענגן אין דעם שרעקליכן גלות.

אבער ניין, זאכן גייען עפעס נישט אזוי גלאטיג, קודם במשך דריי חדשים איז נאך געלונגען פאר די מאמע יוכבד איהם צו באהאלטן אינדערהיים פון די אויגן פון די מצריים, אבער ס'קומט א צייט ווען מ'קען איהם שוין נישט באהאלטן, נאך אביסל וועלן חלילה די מצריים קומען איהם נעמען און איהם אריינווארפן אין טייך, בלית ברירה און מיט א שווער הארץ בויעט מען א קליינע קעסטעלע אין וועלכע מ'גייט אריינלייגן דאס קליין דריי חדשים'דיגע קינד, און מ'גייט איהם ארויסלאזן אויפן וואסער, ווייט פון יעדע מענטשליכע אויג און ווייט פון איינער וואס זאל זיך מרחם זיין אויף איהם. מיט טרערן אין די אויגן ווערט דאס קינד איבערגעלאזט אויף הפקר ביים וואסער, אויפן געמיט איז שווער און ביטער, דער טאטע עמרם גייט צו צו זיין טאכטער מרים ווי די גמרא דערציילט, "וטפחה על ראשה, אמר לה בתי היכן נבואתיך" ער האט איר געהאקט אויפן קאפ און געפרעגט מיט ווייטאג, מיין טאכטער וואס ווערט זיין מיט דיין נבואה?! לכאורה מיינענדיג מרמז צו זיין דערמיט אויפן שמאלע מצב, **קיין גרויסע שאנסן זענען שוין נישט געבליבן אז דאס קינד וועט טאקע זיין דער מושיען של ישראל.**

מרים הנביאה ווערט אבער נישט געפאלן ביי זיך, זי האט א מיסיע, וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק, זי שטעלט זיך פונדערווייטענס צווישן די ביימער און בלעטער צו האלטן אן אויג אויפן קליינעם קאסטן, "לְדֵעָה מַה יֵּעָשֶׂה לוֹ" זיך וויל זעהן וואס וועט זיך דא אפשפילן מיט'ן קינד, זי גיבט נאך יא האפענונג פאר איר נבואה מקויים צו ווערן...

ענדליך הערט זיך א שטיקל קלאנג פון גוטע נייעס, אז מענטשליכע הענט האבן דערגרייכט דאס קעסטל און דער קליינער משה'לע איז ארויס געראטעוועט געווארן פונעם וואסער. אבער איין רגע, ווער האט איהם געראטעוועט? וואו אהין טראגט מען איהם? ער איז פארכאפט געווארן ביים קעניג פרעה אין פאלאץ, ער גייט דארט ווערן אויפגעצויגן ווי איינס פון פרעה'ס קינדער, עס ווערט ווידער שלעכט אויפן הארצן, נעה, קיין גרויסע שאנסן זענען שוין נישט געבליבן אז דאס קינד וועט טאקע זיין דער מושיען של ישראל, מיט אזא חינוך דארט אין פאלאץ, ארומגענומען מיט דאס ערגסטע, פיל מיט עבודה זרה, כישוף, און טומאה, וואס קען מען דען האפן?.

לאמיר זיך רוקן פאראויס א קורצע צייט, עס איז באקאנט דאס וואס חז"ל דערציילן אין **מדרש**, אז ווען משה רבינו איז געווען א קינד פון צוויי יאר אלט און פרעה האט זיך ארומגעשפילט מיט איהם, האט ער מיט זיינע הענט אראפגענומען דעם קרוין פון פרעה'ס קאפ און געלייגט אויף זיין אייגענעם קאפ. די חרטומי מצרים וואס זענען דארט געווען, האבן געזאגט פאר פרעה אז דאס איז א סימן אז דאס קינד וועט נאך איין טאג אראפנעמען דעם קרוין פונעם קעניג, און זיי האבן גע'טענה'ט פאר פרעה אז מ'מוז ח"ו הרג'ענען דאס קינד... (אה, אפשר וועט ער טאקע יא זיין דער מושיען של ישראל)...

יתרו איז דארט געזעצן צווישן די עצה געבער פון פרעה, און ער האט געזאגט אז לכאורה האט דאָך דאס קינד נישט קיין שכל, נאר מ'זאל איהם קודם אויספראבירן אויב ער האט דעת אדער נישט. און ער האט געהייסן ברענגען א שטיק גאלד און א ברענענדיגע קויל, אויב וועט ער וועלן נעמען דאס גאלד איז א סימן אז ער האט טאקע יא שכל, און מ'מוז איהם הארגענען, אבער אויב וועט ער לייגן זיין האנט צו די קויל איז דאָך א סימן אז ער פארשטייט נישט וואס איז גוט און וואס נישט, און מ'קען איהם לאזן לעבן.

אזוי האט מען געטוהן, און משה רבינו האט באמת געוואלט נעמען די גאלד, זייענדיג א בר דעת, אבער דער מלאך גבריאל איז געקומען פון הימל און געגעבן א שטופ זיין האנט צו די קוילן. ווי נאר ער האט אנגעכאפט די הייסע קוילן, האט ער עס געגעבן א לייג אין זיין מויל, און פון דעם איז ער געווארן אפגעבריהט און געווארן א "כְּבַד פֶּה". ווי מיר זעהן אין פסוק אז משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטער אז ער וויל נישט גיין קיין מצרים "לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי... כִּי כְבַד פֶּה וּכְבַד לָשׁוֹן אָנֹכִי".

נו, לאמיר אליין מאכן דעם חשבון, אפילו אויב ס'איז שוין געווען דאס קליין ברעקעלע האפענונג אז דא קומט דער מושיען של ישראל, פלוצלינג זעהט מען דאָך אז ער האט נישט קיין שכל, ער פארשטייט נישט קיין עֵסֶק, זייערע פליישיגע אויגן האבן דאָך נישט געזעהן אז מלאך גבריאל האט גערוקט זיינע הענט, אלע חלומות הייבן אָן צו צורינען, איבערהויפט יעצט אז ער איז געווארן א בעל מום א כבד פה וואס קען נישט זאגן קיין קלארע ווערטער פון מויל. נישט אזוי האט זיך זיי געדאַכט די צורה פונעם רבי'ן פון כלל ישראל, וויאזוי וועט ער קען רעדן צום פאלק? וויאזוי וועט ער קענען רעדן צו פרעה? וויאזוי וועט ער קענען לערנען תורה מיט די אידישע קינדער, **שוואכע שאנסן...**

אבער, דער אייבישטער פארלאזט נישט אינגאנצן, וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם, משה רבינו גייט ארויס און קוקט זיך אום אויף די פיין און צער פון זיינע פאַרפלאָגטע ברידער, די שטראלן פון האפענונג הייבן אָן צוביסלעך צוריק צו קומען, טראָץ זיין גוי'אישע חינוך און זיין ערציאונג ביים קעניג, שטעלט זיך ארויס אז משה האט א אידיש הארץ, ער האט נישט פארגעסן פון די ווייטאג פון דאס אידישע פאלק, ער האט מיטגעפיל מיט די אידן און ער שפירט זייער צער, זעהט אויס אז עס מאכט זיך יא עפעס... אבער נישט אויף צו לאנג, משה האט געהארגעט א מצרי, ער האט זיך פארפלאנטערט מיט'ן געזעץ, וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת הַדָּבָר הַזֶּה וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג אֶת מֹשֶׁה וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַרְעֹה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ מִדְיָן, פרעה וויל איהם הארגענען און משה מוז אנטלויפן קיין מדין, און מער איז ער שוין נישט צום געפונען פאר לאנגע יארן.

און אזוי גייען אדורך נאך א יאר און נאך א יאר אונטער די ביטערע סבלות מצרים, די אידן מאכן מיט צרות יגון ואנחה אונטער די רשעות'דיגע הענט פון די מצרים, מ'ארבעט שווער און ביטער און מ'קרעכצט און מ'שרייט, אבער די ישועה זעהט זיך נישט אָן פאר די אויגן, ווער ווייסט אויב איינער געדענקט נאך בכלל אז ס'איז אמאל געווען דא א משה וואס מ'האט געשמועסט אז ער גייט זיין דער מושיען של ישראל. משה רבינו איז שוין בערך אכציג יאר אלט! ווען השי"ת שיקט איהם צוריק קיין מצרים צו גיין אויסלייזן די אידן.

השי"ת באווייזט זיך צו משה ביים סנה, משה רבינו וויל אבער נישט גיין, ער בעהט אז מ'זאל שיקן א צווייטן אנשטאט איהם, ער זאגט לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי, עס זעהט ווייטער נישט אויס צו גוט דער מצב. אבער ענדליך, ער האט באוויליגט, ער גייט, ער קומט שוין קיין מצרים און ער גייט רעדן צו פרעה, אבער די מצב ווערט נאך אסאך ערגער, אנשטאט ברענגען א ישועה און א גאולה, זענען גאר די גזירות געווארן שווערער, די עבודת פֶּרֶךְ פארשטערקערט זיך, די אידן ווערן מלא טענות צו משה און אהרן, ווי די תורה זאגט אונז סוף פרשת שמות, וַיִּפְגְּעוּ אֶת מֹשֶׁה וְאֶת אַהֲרֹן נִצָּבִים לִקְרָאתָם... וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם יֵרֶא ה' עֲלֵיכֶם וְיִשְׁפֹּט אֲשֶׁר הִבְאַשְׁתֶּם אֶת רֵיחֵנוּ בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי עֲבָדָיו לָתֶת חֶרֶב בְּיָדָם לְהָרְגֵנוּ, זיי שרייען ווער האט ענק געבעטען צו קומען און ערגער מאכן דעם מצב. משה רבינו אליינס ווערט שוין צובראכן און ער קומט מיט טענות צו השי"ת, ה' לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי, באשעפער פארוואס

האסטו מיר געשיקט, וּמֵאָז בָּאתִי אֶל פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה, זייט איך בין געקומען צו גיין איז אלעס געווארן מער שלעכט און ביטער, וְהַצֵּל לֹא הִצַּלְתָּ אֶת עַמֶּךָ, קיין גאולה זעהט מען דערווייל נישט פאר די אויגן...

אבער השי"ת לאזט נישט נאך און גיבט איהם די גוטע בשורה פון די גאולה ווי מיר האבן פריער דערמאנט, גיי זאג פאר די אידן אז ס'קומען שוין גוטע צייטן, וְהוֹצֵאתִי, וְהִצַּלְתִּי, וְגָאַלְתִּי, וְלָקַחְתִּי, אבער קיינער וויל שוין נישט הערן, דער עולם איז פאַריאָגט און פאַרפלאָגט מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, זיי קענען קוים אָטעמען, זיי האבן שוין נישט קיין חיות געבליבן אין זיך צו קענען הערן אפילו גוטע נייעס.

היוצא לנו, ווער עס קוקט זיך אום און איז זיך גוט מתבונן אין די גאנצע סדר הדברים ביז אהער, ווערט שנעל איבערצייגט אז אלעס איז געווען איין שטיק חושך, ס'איז נישט געווען קיין שום מהלך בדרך הטבע וויאזוי עס גייט דא אנקומען א מושיען של ישראל, אויף אונזער שפראך וואלטן מיר געזאגט אז יעדע זאך וואס האט געקענט גיין מיט'ן פיטם אראפ איז טאקע אזוי געגאנגען, מאל נאך מאל האט זיך די מצב פארפלאָנטערט פון פריש, די טויערן זענען געווארן מער און מער פארהאקט און פארשלאסן, און די האפענונגען זענען געווארן אלס קלענער און קלענער. אין די אויגן פון אונזער דמיון וואלט מיר זיך פאָרגעשטעלט א מושיען של ישראל וועלכער ווערט געבוירן אויף א גאלדענעם טאַץ, ער וואקסט אויף ביים גדול הדור אינדערהיים, מ'זעהט זיין סייעתא דשמיא און הצלחה אויף טריט און שריט, ער איז א געלונגענע מענטש מיט א גוטע מויל וואס קען רעדן צו יעדן איינעם און גוט מסביר זיין דעם דבר השם... עפעס אזוי וואלטן מיר זיך געוואלט אויסמאָלן דעם בילד פון דער רבי פון כלל ישראל, אבער דאס וואס האט פאסירט במציאות איז בכלל נישט געווען נאנט צו עפעס וואס מיר וואלטן אפילו געקענט טראכטן.

מ'האט שוין אזויפיל מאל אויפגעגעבן, זיך מייאש געווען, געטראכט אז ס'וועט שוין גארנישט ווערן, מ'האט געשפירט דערביטערט אז אלעס גייט לטמיון, אפילו די נענטסטע מענטשן צו משה רבינו, אפילו זיין טאטע עמרם קלאפט אויפן קאפ פון זיין טאכטער "וטפחה על ראשה, אמר לה בתי היכן נבואתיך" מיין טאכטער וואס וועט זיין מיט דיין נבואה?! ווייל עס באווייזט אפילו נישט די קלענסטע צייכן פון א ישועה, עס בלייבט נישט איבער קיין אויסוועג פאר א גאולה בדרך הטבע.

און משה רבינו אליינס שפירט אויך שוין נישט קיין האפענונג, ער קומט מיט גאר א שטארקע טענה צו השי"ת, "הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם", אבער ווי געזאגט הקב"ה מאכט זיך נישט וויסענדיג פון זיין טענה, ער ענטפערט נישט קיין תשובה פאר משה, נאר ער באפעלט איהם תיכף **וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם,** דער אייבישטער שיקט משה און אהרן ווייטער אנצוגיין אין זייער הייליגע שליחות, ענקער תפקיד יעצט איז צו גיין אויסלייזן די אידן פון מצרים, כאטש די אידן האלטן נישט ביים הערן מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה, כאטש פרעה וועט זיכער נישט וועלן הערן, **ווייל דער תירוץ איז וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם, דער אייבישטער איז דער וואס שיקט און הייסט, דער אייבישטער איז דער וואס פירט די וועלט, און דער אייבישיטער איז דער וואס באשלוסט ווען און וויאזוי די גאולה און די ישועה זאלן קומען.** און דער תירוץ איז אויך וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וגו' איך בין דער באשעפער! דער זעלבער באשעפער וואס האט זיך באוויזן און געהאלפן די אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב, דער וואס האט זיי געהאלפן און געראטעוועט אין די שווערסטע אומשטענדן אפילו ווען ס'איז געווען חוץ לדרך הטבע און מ'האט נישט געזעהן קיין ישועה, און איך בין דער וואס שיקט יעצט אויך אויסלייזן די אידן.

לאמיר כאפן א שפאציר אין די גאסן פון ניו יארק מיט בערך אכציג יאר צוריק, געווען איז דאס אינמיטן די סאמע ברען פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען גאנץ אייראפע האט געפלאקערט, און די הימלען זענען געווען פארוואלקנט און שווארץ פון די רויעך און פייער פון די מיליאנען אידישע קרבנות וואס זענען ליידער טראגיש פארשניטן געווארן, קהילות הקודש שמסרו נפשם על קדושת השם, גאנצע שטעט זענען געווארן ווי אפגעווישט פון די מאפע, משפחות, קהילות, ישיבות, אלעס איז געווארן אויסגעריסן ביז צום גרינד, עס האט אויסגעזעהן ווי די וועלט קומט צו אן ענדע רח"ל, ווער רעדט נאך פון תורה און אידישקייט, דאס האט כמעט נישט געהאט קיין עתיד ח"ו, און אודאי נישט אין די ווייטע אמעריקא בימים ההם וואו די מצב ברוחניות איז געווען גאר גאר שוואך ווי באקאנט.

שפאצירן דעמאלטס אויפן גאס דא אין ניו יארק א רבי מיט זיין תלמיד, געווען איז דאס **הגאון רבי אליהו מאיר בלאָך זצ"ל ראש ישיבת טעלז**, וואס איז בהשגחה עליונה אנגעקומען קיין אמעריקא און געראטעוועט געווארן פון אומקום אינאיינעם מיט די גרויסע טעלזע ישיבה אינדערהיים אין ליטא, צוזאמען מיט זיין יונגע תלמיד **הגאון רבי מרדכי גיפטר זצ"ל**. דער רבי הג"ר אליהו מאיר האט קיין איין רגע נישט אויפגעגעבן האפענונג, אין זיין הארץ האבן שוין דעמאלטס געווירבלט פלענער פון איבערפלאנצן די טעלזע ישיבה אויף די אמעריקאנע באדן, ער האט געוואוסט אז דאס איז זיין לעבנס מיסיע אויפצושטעלן א ישיבה פון דאסניי און מרביץ תורה זיין פאר תלמידים אזוווי אינדערהיים.

דער רבי מיט זיין תלמיד זענען אריינגעקומען אין א ספרים געשעפט און זיי האבן געזוכט צו קויפן א קצות החושן וואס זיי האבן געדארפט האבן צו פארשטיין די סוגיא וואס זיי האבן געלערנט. א קצות, א קצות, טראכט צו זיך דער מוכר ספרים, יא ער מיינט אז ער דארף נאך צו האבן ערגעצוואו אינעם געשעפט א קצות, ער קריכט ארויף אויפן לייטער, ער זוכט אהער און אהין צווישן די אלטע און פארשטויבטע ספרים, ביז ענדליך קומט ער אראפ, יא ער האט געטראפן דעם קצות! ער ווישט אפ די שטויב און ער האלזדט אזוי דעם קצות קעגן זיין הארץ, זאגנדיג מיט התרגשות צו רבי אליהו מאיר און זיין תלמיד רבי מרדכי "אונז אלע האלטן דא מיט א היסטארישע מאמענט!", און ווען ער זעהט זייער וואונדער, רופט ער זיך אָן, איך וועל אייך זאגן, דאס איז לכאורה די לעצטע קצות החושן וואס ווערט פארקויפט אין אמעריקא, און עס איז א התרגשות'דיגע מעמד, ווייל מער וועט דער ספר לכאורה שוין נישט פארקויפט ווערן דאהי... ארויסברענגענדיג דערמיט דעם שפל-המצב וואס האט דעמאלטס געהערשט  אין אמעריקא וואס איז געווען ווי א מדבר שממה אָן קיין תורה און אָן קיין ישיבות, און ממילא ווער וועט נאך אמאל אריינקומען אין א ספרים געשעפט און זוכן א קצות...

דער טעלזער ראש ישיבה האט גוט געהערט דעם שטעך אין די שטומע פונעם פארקויפער, אבער ער האט קיין ווארט נישט געזאגט, ער האט געפרעגט וויפיל ס'קאסט, ער האט באצאלט פארן קצות, און האט ארויסגעשפאנט פונעם ספרים סטאר אינאיינעם מיט זיין תלמיד.

אינדרויסן, האט שוין דער תלמיד הגאון רבי מרדכי גיפטער (שפעטער אליינס טעלזער ראש ישיבה) זיך נישט געקענט איינהאלטן, און ער פרעגט פון זיין רבי'ן "רבי פארוואס? פארוואס האט דער רבי געשוויגן ווען דער איד האט אזוי גערעדט פונעם שווארצן צוקונפט פון אידישקייט אין אמעריקא, מ'וואלט איהם געדארפט זאגן אז ס'וועט נאך זיין דא תורה און ישיבות, א פלאן אויף וואס מיר אלע ארבעטן און חלומ'ן דערוועגן"... אבער זיין רבי רבי אליהו מאיר ענטפערט איהם מיט מורא'דיגע דיבורים, **וויסן זאלסטו מיין תלמיד, בעצם איז דער אידל גערעכט, בדרך הטבע איז אלעס פארלוירן, די ישיבות זענען חרוב געווארן, נישטא מער קיין תורה און קיין תלמידי חכמים אין אמעריקא, על פי חשבון איז ער ליידער גערעכט, און איך האב איהם טאקע נישט וואס צו ענטפערן לשיטתו! נאר וויסן זאלסטו, אז מיט איין זאך איז ער זיך טועה, ער פארשטייט נישט אז תורה בויעט מען נישט מיט חשבונות און מיט א דרך הטבע, די תורה וועט אי"ה ווייטער וואקסן און בליען אפילו ווען ס'האט נישט קיין שום שאנס און קיין שום וועג בדרך הטבע...**

און דער המשך איז איבעריג צו דערציילן, מיט געציילטע יארן שפעטער האט שוין די תורה הערליך געבליהט און געוואקסן אין יעדן ווינקל אין אמעריקא, צענדליגע טויזנטע קצות'ן זענען שוין פארקויפט געווארן און אויסגעהארעוועט געווארן מיט התמדה און עיון זייט דעמאלטס, און דער יסוד איז פשוט ווייל אידישקייט, תורה, רוחניות, ארבעטן נישט מיט קיין חשבונות און קיין פאקטן, דארט וואו עס איז דא דער דבר השם דארף מען נישט קיין שום אויסזיכטן בדרך הטבע און קיין שום שאנסן בגשמיות, ווייל דער אייבישטער איז דער וואס שיקט און באפעלט, און דער זעלבער באשעפער פון וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב וגו' ער איז דער וואס באשליסט שטענדיג אין אלע דורות ווען עס זאל זיין א גאולה און א ישועה.

אגב, האבן מיר פריער דערמאנט אז אינעם גרעסטן חשכות און ביטערקייט איז אבער געווען איינער אליינס וואס האט קיינמאל נישט אויפגעגעבן איר האפענונג, געווען איז דאס מרים הנביאה וואס איז קיינמאל נישט געפאלן ביי זיך, זי האט גענומען אויף זיך א אויפגאבע, **וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק, זי שטעלט זיך פונדערווייטענס ביים ברעג טייך צו האלטן אן אויג אויפן קליינעם קאסטן, "לְדֵעָה מַה יֵּעָשֶׂה לוֹ" זיך וויל זעהן וואס וועט זיך דא אפשפילן מיט'ן קינד, זי ווארט נישט צו זעהן "אויב משה וועט געראטעוועט ווערן" אדער אויב "די קעסטל וועט דאס קענען אדורכמאכן", ניין, זי האט אפילו נישט קיין ספיקות, זי גיבט נישט אויף אפילו פאר איין רגע, זי גייט פשוט קוקן "לְדֵעָה מַה יֵּעָשֶׂה לוֹ", צו זעהן וואס וועט דא געשען, וויאזוי פונקטליך די ישועה גייט זיך אויסשפילן, אבער דאס איז ביי איר קלאר ווי די טאג אז די ישועה וועט קומען,** דער רבוש"ע דארף נישט קיין הילף אויסצופירן זיינע פלענער, און אז די נבואה האט געזאגט אז ס'גייט דא זיין א מושיען של ישראל, מיינט עס אז עס גייט זיין, צו מען פארשטייט יא אדער מ'פארשטייט נישט, מיר דארפן נאר האפן און בעטן אז אונז זאלן זוכה זיין צו זעהן וויאזוי עס אנטוויקלט זיך און וואס פונקטליך עס פאסירט, אבער דאס איז זיכער אז די נבואה גייט מקויים ווערן.

וואס פאסירט טאקע שפעטער? מיר געפונען אין סוף פרשת בהעלותך, ווען מרים האט געהאט צרעת, שטייט אין פסוק "וְהָעָם לֹא נָסַע עַד הֵאָסֵף מִרְיָם", גאנץ כלל ישראל שטייט און ווארט ביז מרים וועט ווערן אויסגעהיילט, ווי חז"ל זאגן אז די אידן האבן זיך דעמאלטס אויפגעהאלטן פאר גאנצע זיבן טעג פון פארן ווייטער, וויבאלד מרים האט געהאט צרעת. און ווי די משנה זאגט אין מסכת סוטה (פרק ב' משנה ט') וְכֵן לְעִנְיַן הַטּוֹבָה, מִרְיָם הִמְתִּינָה לְמשֶׁה שָׁעָה אַחַת, שֶׁנֶּאֱמַר וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק, לְפִיכָךְ נִתְעַכְּבוּ לָהּ יִשְׂרָאֵל שִׁבְעָה יָמִים בַּמִּדְבָּר, שֶׁנֶּאֱמַר וְהָעָם לֹא נָסַע עַד הֵאָסֵף מִרְיָם, דאס איז געווען א שכר פאר איר ווארטן דארט ביים וואסער צו זעהן וואס וועט פאסירן מיט איר ברודער משה, לכבוד דעם האט כלל ישראל שפעטער געווארט אויף איר.

לעניננו, ליגט אין דעם גאר א טיפע מוסר השכל פאר אונז, **וויפיל מאל מאכט זיך ווען מיר האבן געלייגט אזויפיל האפענונג אויף א קינד, א תלמיד, א חבר, און אסאך מאל אויף זיך אליינס, מיר האבן געוואלט און געהאפט און משתוקק געווען און געהאט גרויסע ריזיגע פלענער פאר די צוקונפט, אבער מיר ווערן אנטוישט, מיר ווערן צובראכן, אלעס גייט בארג אראפ, אלעס זעהט אויס פונקט פארקערט ווי מ'האט געהאפט, מ'שפירט ווי עס איז דערנאך! עס איז שוין נישט דא קיין שאנס! מיר געבן ליידער אויף אלע האפענונגען און אלע ערווארטונגען. אבער די השתלשלות פון משה רבינו לערנט אונז גאנץ אנדערש, אז מ'טאר קיינמאל נישט אונטערשאצן א אידישע נשמה,** צומאל קען זיין דער מושיען של ישראל אליינס וואס ווערט פארוואלגערט צווישן די גויים, ער ווערט א כבד פה, ער אנטלויפט, קיינער הערט איהם נישט אויס, עס קען שוין נישט ווערן ערגער... אבער ווי געזאגט רוחניות דארף נישט קיין דרך הטבע און דארף נישט קיין 'בלו-פרינט' וויאזוי זאכן גייען זיך פירן פון אויבן, השי"ת דארף נישט אונזער הילף אין פלאנען די זאך, אז דער אייבישטער הייסט, וועט אזוי זיין! אפילו ווען אלעס גייט בארג אראפ, **אפילו ווען עס זענען נישט דא קיין שום אויסזיכטן, "קיין שום", פשוטו כמשמעו, גארנישט זעהט זיך נישט אויפן האריזאנט, פון דארט קען נאך ארויסשיינען דער מושיען של ישראל אליינס! פון דארט קען קומען די גאנצע ישועה און די גאולה.**

און אגב, דאס איז אונז מרים הנביאה גאר שטארק מחייב, זי שטייט און זי ווארט איינער אליין, זי ווייסט אז ס'גייט נאך ארויסקומען די גוטס. טאקע פאר דעם איז גאנץ כלל ישראל איר שולדיג הכרת הטוב, זי מיט איר האפענונג וואס האט קיינמאל נישט אויפגעגעבן אויף משה, זי וואס האט געוואוסט און געדענקט אז די ישועה וועט נאך קומען צו גיין, פאר איר דארפן מיר ווארטן און אפגעבן כבוד, ווייל זי לערנט אונז אז אלעמאל, נישט קיין חילוק וואס מ'זעהט מיט די אויגן, און נישט קיין חילוק ווי פארפאלן די מצב איז, דארף מען נאר שטיין און גלייבן "לְדֵעָה מַה יֵּעָשֶׂה לוֹ", פשוט זעהן 'וויאזוי' די ישעות השם גייט זיך אויסשטעלן און אויף וועלכע אופן עס גייט קומען צו גיין.

און דאס מוזן מיר געדענקן און מיטראגן מיט זיך אין יעדן מצב אין לעבן, סיי פאר זיך און סיי פאר די קינדער, עס איז נישט דא דער פאַל אין לעבן ווען א איד מעג אויפגעבן, ווייל אפילו ווען ס'איז כָּלוּ כל הקיצין, מ'זעהט נישט דעם וועג ארויס, אבער דער אייבישטער'ס הענט זענען נישט קליין, ער האט א פלאן און א מהלך, און א אידישע נשמה דארף נישט קיין וועג וואס שטימט 'בדרך הטבע'. יא עס איז ליידער אמאל דא די צייטווייליגע קֹצֶר רוּחַ און עֲבֹדָה קָשָׁה, אבער מיט די ריכטיגע אמונה, תפלה, און בטחון צו השי"ת קענען מיר זוכה זיין צו זעהן און באקומען די גאנצע ישועה אין יעדן מצב.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה
tiferenblik@gmail.com